# נַקְדִּישָׁךְ

די אומשאצבארע
**סגולה**
און די געוואלדיגע
**מעלה**
פון
**נישט רעדן ביים דאווענען**

גליון כ"ב

## די ביין איז צוריק...

ר' יעקב ח. איז א חשובע פערזענליכקייט אין זיין קהילה, קהילת לעלוב בירושלים עיה"ק. ווי באקאנט פלעגט דער לעלובער רבי האדמו"ר רבי שמעון נתן נטע בידערמאן זצ"ל ארייליגן גרויסע כוחות מפרסם צו זיין און מעורר זיין בני קהלתו איבער דאס הארבע ענין פון רעדן ביים דאווענען. אונזער ר' יעקב ח. האט טאקע דער לעלובער רבי געשטעלט צו זיין א גבאי מורא מקדש, אכטונג צו געבן אז מען זאל נישט רעדן אינעם ביהמ"ד. א פליכט וועלכע ר' יעקב האט זיך משתדל געווען אויסצופירן בשלימות.

ויהי היום. ר' יעקב האלט אינמיטן נאכטמאל און א ביין פון א פיש איז איהם געבליבן שטעקן צווישן די ציינער. ווי נארמאל אין אזעלכע פעלער, האט ר' יעקב ארייינגעלייגט די פינגער אין מויל וועלנדיג ארויסשלעפן דעם פארהאנקערטן ביין. אבער דא האט א מאדנע זאך פאסירט. ביים ארייינלייגן די פינגער האט ער בטעות א שטופ געגעבן דעם שפיציגן ביין און עס אריינגעשטאכן טיף אין די גומען. די גאנצע ביין איז דארטן פארשלונגען געווארן. ער האט פרובירט מיט אלע סארט וועגן דאס צוריק ארויסצושלעפן, אבער זיין ארבעט איז געווען אומזיסט. עס איז געבליבן דארט זיצן אונטער די ציינער און עס האט איהם אנגעהויבן פארשאפן געוואלדיגע יסורים.

די פילע עקסרעי'ס וואס מען האט געמאכט אין שפיטאל, האבן בלויז באשטעטיגט אז דאס ביין זיצט דארט טיף אריינגעשטעקט אהן קיין מעגליכקייט צו צוקומען דערצו. די איינציגסטע אפציע דאס ארויסצוזעהן וועט זיין צו דורך פירן א לענגערע אפעראציע. די דאקטורים האבן געגעבן ר' יעקב'ן צו הערן אז די נאכווייען וועלן זיין זייער שווער און ווייטאגליך. מען וועט דארפן ארויסנעמען עטליכע צאהן, דאן מאכן א ברייטע עפענונג אין די גומען ביז מען וועט אנקומען צום ביין. נאך עטליכע וואכן וועט מען מאכן א פרישע אפעראציע אין וועלכן מען וועט ארייינשטעלן נייע פאלשע ציינער. אזוי ארום אז עס וועט דויערן א לענגערע צייט ביז ער וועט ווידער קענען עסן געהעריג, און צוגאב וועט דאס אפקאסטן אפ א הון תועפות, אין די צענדליגע-טויזענט.

אויפן ערשטן מאמענט האט ר' יעקב שוין געוואלט מוותר זיין אויפן אפעראציע, און אויסלעבן די יארן מיטן ביין אינאיינעם. די טויזענטער שקלים און די שווערע באהאנדלונגען איז נישט עפעס וואס ער קען זיך אזוי גרינג ערלויבן. אבער די שטארקע ווייען האבן איהם שנעל דערמאנט אז ער האט נישט קיין צוויי ברירות. ער וועט דאס מוזן קענען איבערטראגן און אדורכגיין.

דעם נעקסטן טאג אין ארבעט, האט זיין ידיד ר' יחיאל נישט געדארפט אז ר' יעקב זאל איהם דערציילן אז עפעס קוועטשט איהם. זיין פנים, זיין אויסזעהן האבן גלייך געגעבן אנצוזעהן אז ער מאכט עפעס שרעקליך מיט. נאכן הערן דעם גאנצן פאסירונג, האט זיך ר' יחיאל געווענדן צו איהם און געפרעגט, "וואס קען איך דיר העלפן, איך בין גרייט מיט אלעמען".

הערענדיג דאס האט פאר ר' יעקב אויפגעבליצט א געדאנק. "איך בעט דיר, נעם דיר אונטער פאר מיינעטוועגן נישט צו רעדן בשעת'ן גאנצן דאווענען!".

אזא ביטע האט ר' יחיאל נישט ערווארטעט, בפרט אז אין זיין שוהל וואו ער דאווענט, איז רעדן בשעת'ן דאווענען געווען פון די קליינע עוולות. עס איז דאך נישט קיין לעלובער שוהל, ביי זיי האט מען נישט אנגענומען דעם מאדנעם מנהג... ר' יחיאל פלעגט טאקע כסדר רעדן ביים דאווענען און איז צום ערשט נישט גרייט געווען אויפצוהערן. אויף די געשמאקע וועכענטליכע שמועסן ביי קבלת שבת איז נישט גרינג מוותר זיין, אויף די אינטערסאנטע נייעס ביי קריאת התורה גיבט זיך נישט אויף אזוי שנעל. עס האט געדויערט א מינוט צוויי, ובסופו של דבר, נאך א שטארקע געראנגל מיטן יצר הרע, האט ער איר ענדליך באזיגט און אויסגעשריגן מיט התרגשות, "די געשעפט איז געשלאסן! איך נעם זיך אונטער צו זיין שטיל פון אנפאנג דאווענען ביזן סוף, און אין דעם זכות זאלסטו געהאלפן ווערן בקרוב מיט א רפואה שלימה". ר' יעקב האט איהם דאן געשיקט צום ציון פון זיין רבי'ן פון לעלוב.

איידער די אפעראציע, האט ר' יעקב זיך ארויסגעלאזט אויף א נסיעה צו די מקומות הקדושים מתפלל צו זיין אז אלעס זאל אריבערגיין בשלום. קוים נאכן ארויספארן האט ר' יעקב זיך גענומען ברעכן אויף א גאר שווערן פארנעם. פון גרויס אנשטרענגונג איז זיין פנים איז געווארן פלאמעדיג רויט, די אדערן האבן זיך ארויסגעשטעקט ווי עס גייט אט אט פלאצן ח"ו. עס האט געדויערט א היבשע ווײלע ביז די מצב האט זיך באַרואיגט און ר' יעקב איז צוריקגעקומען צו זיך. מען האט איהם געברענגט וואסער און איהם אראפגעלייגט ליגן אז ער זאל זיך אביסל בעסער שפירן.

פלוצים האט ר' יעקב אנגעהויבן פילן ווי עפעס שטעכט איהם דארטן אין מויל. ער שטעקט אריין די פינגער, און צו זיין שטוינונג שפירט ער... די ביין!! זי זיצט דארטן ווידעראמאל צווישן צוויי ציינער ביים זעלבן ארט וואו זי איז אריין. ווי וואונדערליך איז די ישועה געקומען, פון די גרויסע אנשטרענגונג ביים ברעכן, האט די ביין באוויזן זיך ארויסצושטופן צוריק ארויף.

שטייט און איידל האט ר' יעקב איר דאסמאל ארויסגעצויגן, און באוויזן דאס ארויסצובאקומען פון מויל דעם ביין וועלכע ליגט היינט אוועקגעלייגט אלס זכר צו דעם גרויסן נס.

(ואתם תחרישון - בשם הרב הרב יוסף יואל ברזסקי שליט"א איש לעלוב וועלכע קען די מעשה מכלי ראשון און האט אויך געזען דעם ביין פון אונזער געשיכטע)

## "דא מעג מען רעדן"...

הרה"ק רבי דוד שלמה אייבשיץ זי"ע דער מחבר פון ספר לבושי שרד און ערבי נחל, האט אין יאהר תקס"ט פארלאזט חוץ לארץ אוןאיז ארויפגעפארן וואוינען קיין ארץ ישראל.

פאר הערות אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים שיקט אן אימעיל צו: GilyonNakdishoch@gmail.com

אנקומענדיג קיין ארץ ישראל האט זיך דער ערבי נחל באזעצט אין צפת, ווי ער האט באהאלטן זיין גרויסקייט פון מענטשן, און געווען א 'נֶחְבָּא אֶל הַכֵּלִים' זייענדיג קוֹבֵעַ זיין פלאץ אין בית המדרש צווישן די ארימערלייט און די פשוטי עם. זיין ענגע פרנסה האט ער געצויגן פון זיין א מלמד און לערנען מיט עטליכע תלמידים תורה מתוך הדחק. אויך ווען מ'האט געדרוקט זיינע ספרים אין יענע תקופה, האט ער נישט געלאזט ארויסשרייבן זיין נאמען אויפן שער בלאט פונעם ספר, אז מ'זאל נישט וויסן אז ער איז דער מחבר פון די ספרים.

א מעשה שהיה אין די תקופה וואס ער האט געוואוינט אין צפת, געווען איז דאן צווישן די נכבדים אין די קהלה א געוויסער גביר וואס פלעגט שטיין אויבנאָן אין ביהמ"ד און האט באקומען כבוד פונעם עולם. דער גביר זעלבסט האט נישט געהאט קיין געלט, נאר ער האט געהאט רייכע קינדער וואס האבן געוואוינט אין חוץ לארץ און זיי פלעגן שיקן יעדן חודש בריוון מיט געלט צו זייער פאטער, אזוי ארום איז ער געווען א 'גביר' אינעם אמאליגן צפת.

אין חודש האבן די בריוון מיט דאס געלט געשפעטיגט צו קומען, און פארשטייט זיך אז דער גביר איז געווען אנגעצויגן און באזארגט סיי צוליב די געלט וואס ער האט געדארפט, און אויך איבער די מצב פון זיינע קינדער ווער ווייסט וואס ס'האט מיט זיי פאסירט אז זיי האבן דאסמאל נישט געשיקט קיין בריוו אדער א גריס פון וואס עס טוט זיך ביי זיי.

ענדליך איין טאג אינמיטן דאווענען איז אנגעקומען א שליח מיט די בריוון און דאס געלט, און ער האט צושפאצירט צום גביר און איבערגעגעבן די בריוון אינמיטן דאווענען, און זיי האבן געהאט א קורצע שמועס צווישן זיך ווי דער שליח האט זיך אנטשולדיגט איבער די פארשפעטיגונג.

דער ערבי נחל וואס האט זייער מקפיד געווען אויף נישט רעדן אין ביהמ"ד ביים דאווענען, האט זיך אויפגעהויבן פון זיין פלאץ ביים עק פון ביהמ"ד, און ער איז ארויף אויפן אויבנאָן און ער האט אנגעכאפט דעם גביר ביי זיינע הענט און איהם ארויסגעפירט פון ביהמ"ד ארויס צו א זייטיגע פּאליש, און געזאגט "דא מעג מען רעדן"...

פארשטייט זיך אז דער גביר האט געברענט פאר כעס, היתכן דער ארימאן דער שלעפער וועט איהם איינטיילן ווי מ'מעג רעדן און ווי נישט, און ער האט געקלערט צו זיך אז נאכן דאווענען וועט ער איהם שוין ווייזן וואס ער קען. אבער אינצווישן ביז מ'האט געענדיגט דאס דאווענען האט זיך דער גביר בארואיגט און אנגעהויבן צו טראכטן ביי זיך, לכאורה איז ער דאָך גערעכט מ'טאָר נישט רעדן אין שוהל ביים דאווענען, און אין זיין הארץ האט ער אנגעהויבן צו האבן התפעלות און צו שעצן די דרייסטקייט פון דער ארימאן וואס האט זיך אנגעגארטלט מיט מוט און שטארקייט און האט נישט מורא געהאט פון אויפמערקזאם צו מאכן אפילו דער גביר פון שטאט.

ווען מ'האט געענדיגט דאווענען איז דער גביר גאר צוגעגאנגען צום ערבי נחל און איהם אנגעבאטן צוואנציג גילדן וואס איז געווען א שיינע מטבע בימים ההם, אבער דער ערבי נחל האט נישט געוואלט נעמען פון איהם. דער גביר האט אבער געפילט שלעכט און האט שטארק געמוטשעט דעם צדיק אז ער זאל נעמען ביי איהם דאס געלט, האט איהם דער ערבי נחל געענטפערט, ווייסטו וואס איך בין דאָך א מלמד פאר די תלמידים, קויף זיי א פלעשל בראנפן, און מיר וועלן אלע טרינקן צוזאמען א לחיים.

(עוללות הכרם)


בס"ד

# שגגת עוון עולה זדון

לדאבוני. גם אני הייתי מאלה שהיו מדברים בשעת התפילה וקריאת התורה. בפרט בשבת. וכמה שאני מוצלח ויודע ומבין בהרבה מקצועות וכו' איפה שהנחתי את ידי לא הצלחתי בכלום, ממש ה"שלומאזל" רדף אחרי, בכל תחום הייתי הלא יוצלח, וגם המצב הבריאותי, והנחת מהילדים היה בכי רע.

באחד הימים ראיתי באקראי ספר בשם יצחק לשוח וכן ספר כבוד בית ה' המביאים ל"ג דברים שכתוב בספרים הק' מה עונשו של המדבר בשעת התפילה וקריאת התורה, וכן של המפסיד אמן ויהא שמיה רבא וכו' ביטויים קשים ועונשים איומים, כמובן שלאחר שקראתי את כל הרשימה קיבלתי ע"ע לא לדבר יותר בתפילה ובקריאת התורה, בשום פנים ואופן. וכל פעם כשחבר בא לשוחח איתי בתפילה אני דוחה אותו בצורה עדינה ונחושה, ובע"ה הגלגל התהפך לטובה בכל הנושאים והתחומים, וכיום אני עושה חיל בעסקיי, וגם הבריאות והנחת מהילדים השתפרו פלאים. כתבתי לכם את הרשימה מהספר יצחק לשוח, ומכבוד בית ה', ונא לפרסם זאת לזיכוי הרבים. וכך כתוב שם:

## המדבר בשעת התפילה וקריאת התורה והמפסיד אמן ויהא שמיה רבא...

א. מחליש את פרנסתו (הגאון מבערזאן)
ב. נועלים לו שערי שמים שלא יתקבלו תפילותיו (זוה"ק וילך)
ג. מכניס עצמו לסכנות גדולות ר"ל (שומר אמונים)
ד. מביא גזירות וצרות לעולם (דרך משה ליום ח')
ה. בורא מלאכים משחיתים שהורגים אותו בזמן מגיפה רח"ל (דרך משה ליום ח')
ו. גורם לקיטרוג הגדול ביותר לכלל ישראל (זוה"ק תרומה)
ז. מעכב את הגאולה (זוה"ק תרומה)
ח. עובר על איסור דאורייתא של ומקדשי תיראו (חתם סופר)
ט. כופר בעיקר ואין לו חלק באלוקי ישראל (זוה"ק תרומה)
י. יותר טוב היה אם המדבר בשעת התפילה לא היה נברא כלל (זוה"ק וילך)
יא. מוציאים אותו ממחיצתו של הקב"ה ארבעים יום ( ספר הזכירה בשם האר"י ז"ל)
יב. מבייש את הקב"ה ( רבינו בחיי בשלח)
יג. נענש בגיהנם הגרוע ביותר (אור צדיקים)
יד. לאחר מותו הוא יירד לשאול תחתיות (אור צדיקים)
טו. יהיה מבוייש בעולם הזה ובעולם הבא (פרע"ח שער הכוונות)
טז. לאחר מותו מכריזין סיגרו השערים של גן עדן בכדי שלא יוכל להכנס, אוי לו ואוי לנשמתו (ספרא דרב המנונא סבא)
יז. נקרא חוטא ומחטיא (ספר הזכירה)
יח. מורד, כופר, ופושע. (ישמח ישראל)
יט. שוטה ופושע, ואסור לצרפו למנין (ט"ז סימן נ"ח)
כ. דוחה מאה תפילות, וכן מונע ממשיח צדקינו לבוא (זוה"ק וילך)
כא. יהיה בחרם 40 יום (שו"ע הגר"ז סימן נ"ו)
כב. הוא מחלל ה' ברבים, וגדול עוונו מנשוא (ווי העמודים דף י"ז)
כג. חייבים להוכיח את המדבר בשעת התפילה וקריאת התורה, ולומר לו שהוא רוצח ממש, כי בגללו יהיו בניו יתומים רח"ל (הגן ודרך משה ליום ט')
כד. בכל פעם כשבניו יאמרו עליו קדיש "יתעורר במרום התנהגותו בשעת התפילה ויענישו אותו פעם נוספת (מורא מקדש אות כ')
כה. פניו יהיו מוריקות (משנ"ב סימן נ"ו)
כו. עונש של אף וחימה רח"ל (מסכת דרך ארץ)
כז. נקרא מזלזל בהקב"ה (משנ"ב סימן נ"ו)
כח. נקרא עוזב את ה' (כה"ח)
כט. מקצר בכבוד המלך (כד הקמח)
ל. מנדים אותו (שו"ע הרב)
לא. עובר על לאו דאורייתא של ולא תחללו את שם קדשי (חפץ חיים זצ"ל)
לב. בתחיית המתים, מי שדיבר בתפילה, יתכן מאוד שיקום בלי פה. היות שהוא בז בפיו במצוות מורא מקדש ובכך חיבל בעצמו (ספר כבוד בית ה')
לג. כשבניו יאמרו אחריו קדיש, הקדיש לא יועיל כלום לעילוי נשמתו, היות שלא יתכן שקדיש שהוא זילזל בו יועיל לו (ספר הקדמונים)

פחד פחדים אבא מגדל בניו כ"כ הרבה שנים של עמל ויגיעה ולפעמים האבא עוד מתגאה זה הקדיש זוגער שלי ולאחר פטירתו מהעולם מתברר שכל הקדישים שבניו אומרים אחריו לא מועיל לו כלום היות שהוא דיבר בקדיש, רחמנא לישזבן.

פרסמתי מכתב זה לזיכוי הרבים ולדעתי כל אבא צריך ללמוד את כל ה"רשימה השחורה" עם ילדיו כדי שידעו את חומרת העוון של ביזוי ה' והפגיעה בכבוד ה', וכמובן מידה טובה מרובה, והשכר על כיבוד וקידוש ה' מרובה כפול חמש מאות וכו' והוא רחום יכפר עוון ולא ישחית.

בכבוד רב
ראש משפחה שוכחת לו

נ.ב. למרות שהשו"ע מזכיר בשולחנו עבירות חמורות מאוד, כאכילת חמץ בפסח, אכילה ביום הכיפורים, וכו' לא נמצא בכל ארבעת חלקי השו"ע, הניסוח החריף, שכתב כלפי מי ששח בעת חזרת הש"ץ, וזה לשונו הוא חוטא, וגדול עוונו מנשוא, וגוערים בו, או"ח, רכד, ז', והפליג אחריו אביו של השל"ה הק', שנקט בלשון שבועה, האלוקים! בכל העבירות לא ראיתי כהנה, כי המשוחח הוא כירבעם בן נבט, החוטא ומחטיא, ועוון זה מעכב את הגאולה, (הגהות יש נוחלין)

מוגש כחומר למחשבה ע"י חברת "ויראת מאלקיך" - "ומקדשי תיראו" | להשיג חינם: 0533-199990 | a0573199990@gmail.com